ב"ה, שיחות י"ב תמוז, ה'תשכ"ו. <u>הנחת הת' · בלתי מוגה</u>

א. אי"ב און י"ג תמוז, וואס דאס איז דאך די התועדות -פארברייינגען- אין צוזאמענהאנג מיט'ן יום הגאולה פון דעם רבי'ן דער שווער נשיא דורנו, איז דאך ידוע ומפורסם, און ווי מ'רעט אלעמאל אז דאס איז פארבונדן דערמיט וואס ער איז געווען במאסר, און דערנאך איז געווען די גאולה, וואס די גאולה איז ארויסגעקומען בגלוי אין י"ב, און אויפן הוגט האט מען דאס באקומען אויף מארגן – י"ג, וכידוע הסיפור בזה ומפורסם.

בעצם איז א פלא גדול, צוזאמען מיט דעם ענין וואס דאס איז דאך געווען א ענין ניסי, (ווארום אין דרך הטבע האט דאך ניט געהאט קיין ארט דער ענין הגאולה), ובפרט נאך דערויף וואס ס'איז געווען דער פסק דין אין זייער משפט אויף היפך החיים, און דערנאך איז געווען א השתדלות גדולה, און דאס האט מערניט ווי גפועל'ט אז מ'זאל פארשיקן, און ווי ס'איז געווען אין דערויף גופא אויך די שינויים אויף צעהן, אויף פינף, און דערנאך אויף דריי יאר, און דערנאך פון די דריי יאר האט זיך אויסגעלאזען מערניט ווי פון דעם זמן פון ג'-ד' תמוז, ביז י"ב-י"ג תמוז, און דערנאך האט ער באקומען די תופסה, וואס לויט די מנהגים אין יענער מדינה, איז אפילו אז מ'גיט א תופסה נאך אזא מין מאסר, דארף דאס זיין מיט כמה הגבלות, (פארשידענע באגרעניצונגען) און <u>די</u> באפרייאונג איז געווען אן קיין הגבלה, כאטש אפילו וואס שלא באופן רשמי -ניט אפיציעל, האט מען מזהיר געווען אז אין דעם ארט זאל מען יא פארן, און אין דעם צווייטן ארט זאל מען ניט פורן, און מ'האט דאס בפירוש ניט געפאלגט.

נוסף ע"ז, איז אין דערויף געווען א דבר ניסי אפשר נאך מערער וואס בשעת מעשה האט מען דאס ניט באמערקט, אבער <u>איצטער</u> אז מ'באטראכט זיך לאחר כמה שנים רואיקערהייט זעט מען ווי אזוי ס'איז געווען כמה ניסים, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט דעם נס הגדול (וואס וועגן דערויף רעדט זיך אין די התוועדות'ן פון י"ב – י"ג תמוז) די גאולה פון דעם בעל השמחה, וואס ער איז געווען במאסר און דערנאך באפרייט געווארן.

דעם נס וועט מען פארשטיין בהקדם דעם מאמר וואס דער רבי דער בעל השמחה והגאולה האט ארויסגעגעבן און געשריבן י"ב תמוז דעם ערשטן מאל נאך דער גאולה – י"ב תמוז תרפ"ז וואס דעמאלט איז דאך געווען די הודאת הגאולה, וואס „פותחין בדבר מלכות" מיט א דבר תורה, און בא א רבי'ן פון חב"ד איז דאס מיט א <u>מאמר</u> חסידות, דער מאמר שטעלט זיך -און הויבט זיך אן- מיט'ן פסוק: „הוי' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי", (און ווי דער מאמר איז שוין אויך געדרוקט).

ער שטעלט זיך דארט אז דער פסוק איז ניט פארשטאנדיג, וואס פון דעם פירוש הפשט ווייזט דאך אויס, אז ס'איז דא „עוזרי" לשון רבים, אסאך ארויסהעלפער, און דער אויבערשטער איז צוזאמען מיט זיי, איז דאך דאס לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיג, ווייבאלד אז אלע ענינים אין וועלט זיינען דאך פארבונדן מיט'ן אויבערשטן, און ער איז דער איין און איינ-ציקער בעל הבית אין וועלט, און בשעת ס'קומט א הצלה פון א אידן, איז דאך די אלע ענינים מערניט ווי טפלים ובטלים לגבי דעם מקור הברכות, וואס דאס איז פון דעם אויבערשטן אליין, ועאכו"כ ווען דאס איז נאך א ענין של נס – היפך הטבע.

וואס אפילו אין דרכי הטבע זאגט מען דאך, אז דער ענין פון עבודת כוכבים ומזלות איז ווי דער רמב"ם זאגט אין הלכות יסודי התורה, אז אזוי ווי אין די דורות הקדמונים האט מען געזעהן אז פון די כוכבים ומזלות

= האט =

האט מען א השפעה, און דורך זיי ווערן נשפע די השפעות גשמיות דא למטה, האבן זיי געוואלט זיך משתחווה זיין און מתפלל זיין צו די כוכבים ומזלות אז זיי זאלן זיין גוטע שלוחים, אדער גוטע מספיעים ווי זיי האבן גערעכנט אז זיי קאנען טאן על דעת עצמם.

וואס דאס איז בדוגמא ווי א מלך, וואס טיילט פאנאנדער עניניו ע"י שרים, איז אין כמה עיקרים און אין א סאך פאלען האט דאך א ארט אז מ'זאל גיין בעטן בא דעם שר אז ער זאל מטיב זיין מיט דעם זקוק צו די ברכה והשפעה וואס גייט אדורך דעם שר, כאטש אפילו דאס איז מערניט א שר אויף א מדינה, אדער אויף א סטאט.

עד"ז האבן זיי באטראכט דעם ענין פון די כוכבים ומזלות, ביז אין כל הדרכים גשמיים, דורך וועלכע א איד און בכלל אין וועלט ווערט נמשך פרנסה וישועות והצלחות.

און אויף דערויף זאגט מען, אז דאס איז אן ענין פון ע"ז, וואס דאס איז היפך האמת, ווי דער רמב"ם הויבט אן זיין ספר, און ווי דער רבי הויבט אן דעם מאמר „הוי' לי בעוזרי", אז „יסוד היסודות ועמוד החכמות" וואס דאס איז דאך ר"ת שם הוי', איז ער איז „אמיתית המציאות וממנו נמצאו כל הנמצאים", אז אלע ענינים אין וועלט, איז מערניט ווי מציאות פון דעם אויבערשטן-

"אין עוד מלבדו", ניט ווי אזוינע וואס טייטשן אויס בטעות "אין עוד מלבדו" אז ס'איז ניטא קיין אלקות א חוץ אים, - נאר דער אמת'ער טייטש, און דער פנימיות'דיקער טייטש אין דעם איז אז ס'איז ניטא קיין מציאות מלבדו.

היינט ווערט די שאלה זדי קען ער אננעמען דעם לסוף הפסוק כפשוטו, אז "הוי' לי בעוזרי", אז ס'איז דא עוזרי -לשון רבים, און איינער פון זיי איז דער אויבערשטער ?

און אזוי פרעגט ער אויך אויף דעם צווייטן העלבן פון פסוק:"ואני אראה בשונאי". וואס דער פירוש הפשוט איז דאך אז דאס בעט מען, אז מ'זאל זעהן נקמה אין די שונאים, וואס דאס איז דאך דער היפך פון די שיטה פון דוד המלך'ן אליין, וואס ער זאגט דעם פסוק: "הוי' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי", און ער אליין זאגט דאך "יתמו חטאים מן הארץ" וואס חז"ל פארטייטשן דאך: אז ניט חוטאים נאר חטאים, אז דער ענין פון דעם זאל ניט זיין אבער ניט אויף די חוטאים אליין האט געבעטן דוד המלך,נאר ער האט געוואלט ס'זאל זיין "בשוב רשע מרשעתו" און דעמאלט "וחי'", וואס דאס איז דאך דער היפך פון "ואני אראה בשונאי" ? און ער פאר-ענטפערט דערנאך אין סוף המאמר -כפי שיתבאר לקמן.

כמבואר כמה פעמים די תורת הבעש"ט אז אלע ענינים וואס זיינען דא אין וועלט זיינען בהשגחה פרטית, און ס'איז ניטא קיין ענין במקרה, עאכו"כ די ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט א אידן,עאכו"כ ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט א נשמה כללית וואס זי איז כולל א סאך אידן,ביז זי איז כולל אלע אידן, עאכו"כ ווען דאס איז פארבונדען מיט תורה, עאכו"כ ווען דאס איזפארבונדען מיט תורה ברבים און וואס דערנאך גייט דאס ארויס בדפוס,וואס דעמאלט איז דאך דא דער ווארט פון צמח צדק, אז א דבר שבדפוס איז לדורות, איז דאך דאס זיכער מיט א השגחה און מיט א ספעל און מיט א כוונה פארוואס דאס איז אין אזא מין אופן.

וואס אזוי איז לכאורה אויך פארשטאנדיק פארוואס דער צווייטער

מאמר הויבט אן דער רבי דער נשיא מיט דעם ענין פון לשון חז"ל "הגומל לחייבים טובות", דערפאר וואס דאס איז דאך געווען דער ברכת גומל אין וועלכע ער איז געווען מחוייב מיט'ן צוזאמענהאנג פון "יוצא מבית האסורים", ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק, פארוואס דעם ערשטען מאמר הויבט ער אן מיטן פסוק "הוי' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי" אלץ לסוף עתיד, לכאורה האט זיך דער ערשטער מאמר גלייך געדארפט אנהויבן מיט "ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב ?

וואס דאס וועט פאר שטאנדיק ווערן, אז מ'באטראכט זיך אין די מאורעות הימים ההם, און מ'זעט דעם גודל הנס וואס האט געטראפען, זעט מען אז אין דעם ענין הגאולה איז פארגעקומען אן ענין ניסי, ביז וואנעט אז "ראו כל עמי הארץ" אז דאס איז געווען "הפליא והגדיל הוי' לעשות עמנו", ווי דער לשון פון דעם אלטען רבי'ן בנוגע צו זיין גאולה - י"ט כסלו, ס'איז דאך אבער געווען אויך ענינים וואס האבן זיך געטאן בדרך הטבע, און וואס אידן האבן געטאן ענינים רגילים פון סתם בני אדם.

וואס אין יענער מדינה אפילו איצטער ועאכו"כ בזמן ההוא, ועאכו"כ אין די טעג פון מאסר פאר די גאולה, איז דעמאלט פארגעקומען א " "חיפוש מחיפוש", מ'האט זיך נאכגעקוקט בטבע ענינים, און אעפ"כ האט מען זיך ניט גערעכנט, און צענדליקער אידן האבן זיך משתתף געווען אין פארשידענע פעולות, וואס זיי זיינען געווען פארבונדען מיט השתדלות בנוגע לגאולה, אויף צו באווארענען כמה פרטים וואס זיי זיינען געווען פארבונדען מיט דעם מאסר וגאולה, וואס אפילו די וואס האבן דאס געטאן באהאלטענערהייט איז אויך קיין ספק ניט, אז מ'האט זיי נאכגעקוקט, און מ'האט געזען אז זיי קומען צו אם דער און דער דירה, אדער צו איינעם פון די חסידים, און פון דארטן גייען זיי למקום פלוני ולמקום פלוני, און עאכו"כ ווי געזאגט פריער האבן צענדליקער אידן דאס געטאן בגלוי, ביז אז מ'איז געגאנגען למקומות הכי קרובים, צו דעם ארט פון וואנעט מ'האט ארויסגעגעבן דעם פסק דין, און מ'איז געגאנגען בגלוי מיט בהירו און אן בריון, און גערעדט און משתדל געווען זיך ובו' וכו'.

וואס אין דרך הטבע איז דערויף קיין ארט ניט געווען - איצטער קען מען שוין וועגן דערויף רעדן, דערפאר וואס די אלע וואס האבן זיך משתדל געווען בזה זיינען שוין ניט אין יענער מדינה, קאן מען רעדן אז סיי בימים ההם, און סיי אין די טעג וואס נאכדעם, און אפילו אין די וואכען וחדשים ספעטער, איז קיין איין און איינציקן פון די וואס האבן זיך מסת משתדל געווען בהחבא - בהאלטענערהייט און אפילו אט-די וואס האבן זיך משתדל געוון... בגלוי, אפילו די וואס זיינען געגאנגען בפירוש און האבן געזאגט אז זיי קומעןריידן וועגען פב"פ, און זיי ווילן אז מ'זאל טאן דעם ענין און א צווייטן ענין וכו', איז קיין איין און איינציקן האט גארנים געשאדט, נים בימי המאסר, נים בימי הגאולה, נים לאחרי זה, און אפילו ניט נאך דעם וואס דער רבי דער בעל הגאולה איז ארויסגעפארען פון יענער מדינה.

ס'איז קיין פלא ניט, וואס בימים ההם האבן אידן בכלל און חסידים בפרט נים געלייגט אכט אויף דעם מפני גודל השמחה פון דעם ענין הגאולה פון דעם בעל הגאולה, אבער ווי געזאגט פריער אז לאחרי זמן ווען מ'באטראכט זיך איז גאר א שאלה, וואס איז א גרעסער נס, צי דער נס של בעל הגאולה, וואס אין דערויף איז לכה"פ געווען השתדלות בדרך הטבע, און ס'איז געווען פארבונדען מיט א איש פרטי ופעולה פרטית, ווי אויך מיט א איש מסויים ופעולה מסויימת, בנוגע אבער צו די אלע וואס האבן אפן געזאגט אז זיי זיינען מיט אים פארבונדן, און זיי זיינען געגאנגען

— למקומות הכי —

למקומות הכי מסוכנים, נאכפרעגן וועגן דעם ענין המאסר, און בעטן וועגן דעם חופש און גאולה וכו׳, האט קיין איין און איינציקן אין קיין איין ענין ניט געשאדט, ניט אין א ענין של מאסר, אפילו ניט אין א ענין של פרנסה. און אז מ׳באטראכט זיך מצד שכל אנושי און מצד שכל הפשוט, איז דאס א ענין וואס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק אפילו מצד רוחניות הענינים.

טאקע אמת אז דער ענין הגאולה איז געווען דערפון וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען על הפצת התורה והיהדות, וואס ס׳איז אים ביי-געשטאנען דער כח פון זיין מס"ב, און זכות אבות און זכות תלמידים וכד׳ וכו׳ מיט די אלע זכותים נוסף אויפן עיקר הענין, אז ס׳איז געווען דער ענין של "דידן נצח", אז תורה נצחית האט מנצח געווען דעם לעו"ז.

ס׳איז דאך אבער ניט פארשטאנדיק אפילו מצד רוחניות הענינים, פארוואס האט דאס ניט געשאדט פלוני בן פלוני, און א צווייטן פלוני בן פלוני, וואס ביי זיי איז ניט געווען די אלע פרטים, און ס׳האט זיי ניט געשאדט אפילו אין אזא מין אופן וואס דא איז געווען לכה"פ די עגמת נפש פון זיצן אין בית האסורים, און דורכטראגען די אלע יסורים און דערנאך די פארסיקונג וכו׳ וכו׳, ביי זיי איז דאך די ענינים אויך ניט געווען, ס׳איז אינגאנצן דורכגעגאנגען גלאטיק.

פארוואס זיי האבן דאס געטאן איז קיין קשיא ניט, כאטש אפילו "אין סומכין על הנס", ווארום א ענין וואס איז זיך נוגע בנפשו איז דעמאלט "כל אשר לאיש יתן בעד נפשו", ס׳איז דאך אבער ניט פארשטאנדיק ווי געזאגט פריער, אז סיי אין טבע און סיי אין רוחניות הענינים איז געווען נסים גלויים, און אפילו <u>בימי</u> המאסר איידער ס׳איז געווען דער נס פון דעם בעל השמחה והגאולה, האט זיי אויך ניט געשאדט?

ס׳האט קיין שייכות ניט צו דעם ענין פון "שלוחי מצוה אינם נזוקים", דערפאר וואס די גמרא זאגט:" במקום דשכיחא היזיקא" איז דעמאלט ניטא דער כלל, און ווי מ׳האט דאס געזעהן אין דעם ענין גופא, אז מיט א צייט פריער <u>קודם</u> המאסר, איז דעמאלט געווען אזוינע וואס דער פארבינדונג וואס זיי האבן געהאט מיט דעם בעל השמחה והגאולה, האט דאס זיי געשאדט ביז אין <u>ענינים גשמיים</u>, ס׳האט זיי טאקע מעלה געווען סלה בערך אין ענינים רוחניים, אבער אין ענינים גשמיים כפשוטו, איז געווען א ענין של היזק.

אין <u>די טעג</u>, אנהייבנדיק פון חמשה עשר בסיון וואס דעמאלט איז געווען דער מאסר, און דורכגייענדיג די גאנצע טעג ביז י"ב וי"ג תמוז, נאך איידער ס׳איז געווען דער ענין <u>פון</u> "<u>חופשה ניתנה</u> לו" <u>לגמרי</u>, און אויך דערנאך, איז ווי געזאגט פריער האט דאס קיינעם ניט אנגערירט בגשמיות, ניט אין ענינים של גוף, ניט אין ענינים של נפש, אפילו ניט אין ענינים של ממון, ווי ס׳איז דעמאלט געווען דער סדר אז גלייך פלעגט מען אפזאגן פון א ענין וואס איז א מקור של פרנסה.

וואס אויף דערויף דארף מען דאך האבן א הסבר אין ביידע ענינים, סיי ווי אזוי ס׳איז געווען אין דרך הטבע, ס׳איז דאך היפך הענין פון טבע, און ווי געזאגט פריער, איז לכאורה דא ניטא קיין הסברה פארוואס מ׳דארף האבן אזא נס גדול ביותר, און דערנאך דארף מען האבן די הסברה אויף דערויף אויך אין רוחניות, וויבאלד אז אויף דערויף האט מען דאך געדארפט האבן א נס גדול ביותר, איז וואו איז געווען דער זכות אויף דעם?

-קען מען-

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

קען מען זאגן בדרך אפשר, אז דאס איז די הסברה פארוואס דער ערסטער מאמר וואס איז געזאגט געווארען בשעת ס׳האט זיך באוויזן דער ענין של גאולה הויבט זיך אן דוקא מיט דעם פסוק "הוי׳ לי בעוזרי", און ווי גערעדט כמה פעמים אז בשעת ס׳רירט אן א אידן עפעס דא אין טבע איז ד ס דערפאר וואס א אידן האט אנגערירט עפעס למעלה ברוחניות, ווארום ווי די גמרא זאגט בכלל איז "אין אדם נוקף אצבעו למטה אלא א"כ מכריזין עליו מלמעלה", און עאכו"כ בא אידן, וואס יעדערער פון זיי ווערט אנגערופען " בנים אתם להוי׳ אלקיכם", קאן ביט זיין דער "קלל" סיידען ס׳איז דא פריער דער "הוי׳ אמר לו", ווי דער אלטער רבי איז מבאר באריכה אין אגה"ק.

דערפאר האט דער בעל הגאולה געדארפט ארויסברייבגען א פסק דין אין תורה, אז ס׳קאן ניט שאטען די וואס האבן אים געהאלפען,-און בשעת ס׳האט זיך באוויזן די גאולה, האט ער גלייך געדארפט באווארענען די גאולת כאו"א- וואס זיי זיינען געווען "בעוזרי".

וואס דער פירוש הפשוט פון דעם פסוק אין תנ"ך,-וואס דערנאך קומט דער פירוש הפשוט אויך אזוי למטה בעולם, ווארום ס׳איז דאך "אסתכל באורייתא וברא עלמא", איז דער פירוש: אז בשעת מ׳האט געזען בפשטות אז דער איד העלפט און א צווייטער איד העלפט און א דריטער איד העלפט, איז מצד די טבע פון דער מדינה וואס זיי זיינען געווען בתקפם הכי גדול ניט געווען קיין ארט אין טבע אז דאס זאל זיי דערבאך ניט שאטן, ווארום מ׳זעט דאך אז פון דעמאלט איז דורכגעגאנגען אזויפיל יארן און זיי זיינען נאך בתוקף.

דערפאר איז די התחלת הגאולה געווען באופן אז תורה פסקנ׳ט אז ניט דער איד איז דער עוזר, אמת טאקע ער האט זיך מוסר נפש געווען, און אין פשטות העניינים איז "עוזרי לסוך רבים, פונדעסטוועגן הויבט מען אן דעם מאמר אין תורה (אין פנימיות התורה ווי עס קומט אראפ אין בגלה דתורה ביז אין פירוש הפשוט – וואס די מאמרים זייבען דאך געזאגט געווארען אין אידיש אין ממש לסוך) און מ׳זאגט אז דער פירוש הפשוט איז: אז דער אויבערסטער האט געהאלפען, און דורך וועמען האט ער געהאלפען ?, "בעוזרי" לסוך רבים, דורך א סאך אידן, וואס יעדערער פון זיי האט זיך מוסר נפש געווען און האט זיך ניט גערעכנט מיט קיינע חשבונות, און מ׳איז געגאנגען אויף אלע סכנות׳דיקע זאכן, אבי אפשר וועט דאס צוהעלפן צו דעם מאסר -מאכן עס לייכטער, אפשר וועט דאס צוהעלפן ביז צו דער גאולה, און תורה פסקנט אפ אז מ׳זאל וויסן זיין אז דאס איז ניט דער איד געגאנגען, נאר דאס איז געגאנגען "יסוד היסודות ועמוד החכמות שממנו נמצאו כל הנמצאים", און דעם אויבערשטען קען מען ניט אנרירן,ער דארף ניט אנקומען צו א נס אז אים זאל דאס ניט שאטען ח"ו.

און דערפאר ברייבגט מען בפירוש דעם פירוש הפשוט פון פסוק ווארום מען דארף אין תורה אפ׳פסק׳נען אז מיט די אלע העלפער איז געגאנגען דער אמיתית המציאות שממנו נמצאו כל הנמצאים, און מיט זיי איז געגאנגען ניט דער ענין פון שם "אלקים" וואס פון אלקים קען דאך דערפון ווערן א ענין פון אלקים אחרים "אסר ישנא אותו אלקים",- נאר ס׳איז געגאנגען דער שם הוי׳ וואס ער ווערט אנגערופען בשם העצם בשם המיוחד און בשם המפורש, אז דערצו האט קיין סייכות ניט דער ענין פון לעו"ז.

און בשעת תורה פסק׳נט אפ למעלה אז אט די אלע אידן וואס זיינען



הנחת הת׳ בלתי מוגה

געגאנגען האבן זיך געשטעלט בסכנה ניט עפ"י תורה, ווארום א"פ תורה איז "אל יעמוד אדם במקום סכנה" ווי די גמרא זאגט, און ווי דער אלטער רבי ברייננט דאס אראפ אין הלכות נזקי גוף ונפש אלס א פסק דין להלכה למעשה איצטער, און עאכו"כ במקום סכנה פון א גאנצע מדינה, עאכו"כ אז מ'האט געוואסט מיט וואס איז די אשמה, און דאס איז ניט קיין מקום סכנת ספק, נאר א סאך גרעסער פון ספק, במילא האט מען געדארפט האבן אז דער מאמר זאל אפ'פסק'נען אז דער פירוש הפשוט פון פסוק איז "עוזרי" לשון רבים, אבער תורה - פנימיות התורה וואס זי ווערט אנגערופען חכמת האמת מחכמי האמת ווי דער אלטער רבי ברייננט אראפ דעם לשון אין .לכות תלמוד תורה בנוגע צו פנימיות התורה פסק'נט זי אפ, אז ס'קען ניט זיי קיין מציאות אז ס'זאל זיין "עוזרי", לשון רבים כפשוטו.

נאר דאס מיינט אז ס'גייט דער שם הוי' וואס ער איז דער ר"ת פון "יסוד היסודות ועמוד החכמות", און דאס איז דער ענין וואס"ממנו נמצאו כל הנמצאים", במילא האבן זיי זיך לכתחילה ניט געשטעלט אין סכנה.

און וויבאלד אז תורה פסק'נט אז מלמעלה דארפן זיי ניט אנקומען צו קיין נס גדול, דערפאר וואס זיי זיינען גאר ניט געגאנגען אין א מקום סכנה, ווארום דורך זיי איז געגאנגען "אמיתת המציאות", איז דערנאך אז ס'קומט אראפ דא למטה, דארף מען ניט זוכען קיין זכותים .כי גדולים אויף יעדערן באזונדער, בכדי ס'זאל עם ניט שאטען, ניט נאר בנפשו, נאר אפילו ניט בגופו, און אפילו ניט בממנו, נאר ער גייט ארום א גאנצער פונקט ווי ער וואלט מתחילה ניט געהאט קיין ענין של חשש אז אפשר וועט דאס עם אנרירן.

במילא איז אין טבע דארף מען ניט אנקומען צו א ענין של נס, ווארום מלמעלה איז עס ביי אים א ענין טבעי, ובמילא קומט עס דערנאך אראפ דא למטה באופן כזה, און עס קומט אראפ למטה אויך אין א אופן גלוי ביז אז מ'זאגט עס אין א מאמר (און דערנאך איז מען עס מפרסם ברבים, וואס דאס איז זיכער דערגאנגען צו די וואס האבן זיי נאכגעקוקט בטבע עינים) ווו ער וועט זיך פירן בימי החופש, אז מ'זאל וויסן זיין דעם "אמת ה'" אז ווער האט עם ארויסגענומען פון מאסר, דאס האט עס ארויסגענומען דער "אמיתת המציאות שממנו נמצאו כל הנמצאים".

וואס לכאורה וואס האט דאס אויף זיי געפועל'ט, זיי זיינען דאך ניט סייכות צו פסקי דינים פון תורה ? איז אין זמנים רגילים האבן זיי זיך מיט דערויף ניט גערעכנט, אבער בשעת זיי זיינען בטל געווארען לגבי בעל השמחה והגאולה, ביז וואנעט אז דאס האט אויף זיי גע'פועל'ט אז "חופשה ניתנה לו", און אין א אופן פון אן הגבלות, איז טוין בדרך ממילא אויך אנגענומען געווארען דער פריוש אין דעם פסוק (און טאקע אין דעם מאמר) אז "בעוזרי" איז טאקע דער טייטש לשון רבים. דאס איז אבער קיין סתירה ניט צו דעם מאמר וואס זאגט אז "לשון רבים" מיינט די ניצוצות און מעשים טובים און מצוות און פעולות וואס ער האט אויפגעטאן. - ווי ער איז מבאר אין דעם מאמר באריכה -.

דערביי אבער דארף מען באווארענען, ס'איז דאך "אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה", די אלע אידן וואס האבן זיך מוסר נפש געווען על כל פעולה והשתדלות וועלכע זיי האבן געטאן, טאר מען דאך ביי זיי דאס ניט צונעמען ח"ו, וויבאלד אז דאס איז דאך ביי זיי געווען באמת לאמיתתו, און די מעשה איז דאך אזוי, ווארום א איד האט דאך בחירה חפשית, איז טאקע דערפאר איז אין מיטן מאמר ארייגעשטעלט א ענין וואס לכאורה האט דאס דערצו קיין סייכות ניט, וואס ער טייטשט אפ אין מאמר "הוי' לי בעוזרי", אז דאס גייט אויף די מצוות וואס זיי העלפן ארויס, ווי די משנה זאגט אז א איד

- טוט א מצוה -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

טוט א מצוה ווערט באַשאַפן א מלאך מליץ-טוב ופרקליט טוב און ער העלפט עם בכל עניניו, און דערנאָך שטעלט ער אריין אין מאמר עטליכע ווערטער אז דאס איז "בדוגמת התלמידים שנקראו בנים" - וואס זיי העלפן עם ארויס.

וואס לכאורה, האט דאס דערצו קיין שייכות נישט, און ס'איז ניט מוסיף ביאור? נאר מיט די עטליכע ווערטער באווארנט ער, אז די אידן וואס זיי האבן אים ארויסגעהאלפן, זיינען זיי דערמיט אליין געווארן תלמידיו ובניו, און אויף זיי שטייט טאקע דער ענין "בעוזרי", ע"ד ווי דער ... ן של ניצוצות וואס זיי העלפן ארויס. דאס איז אבער אריינגעשטעלט באמצע המאמר, ניט בנוגע לפסק דין, ד.ה. בנוגע צו דעם פירוש הפשוט, דאס איז מערניט ווי א דיבור לכאורה וואס איז געבראכט געווארן אין דעם ענין, אבער דעם פסוק טייטשט ער אפ אז "בעוזרי" איז מערניט פון "הוי' לי" וואס "ממנו נמצאו כל הנמצאים".

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק: אז נאך איידער מ'זאגט דעם "ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב" דארף מען באווארענען, אז פון דעם "טוב" זאל ניט ארויסקומען עפעס א ענין שלא כדבעי צו די אלע וואס האבן זיך משתדל געווען, און דאס קען מען באווארענען נאר בשעת ס'האט זיך שוין אנגעהויבן דער ביטול דלעו"ז, וועלן זיי אננעמען דעם פסק דין פון "בעל הגאולה", בשעת ס'איז געקומען י"ב תמוז, און דעמאלט "חופשה ניתנה לו", איז די ערשטע זאך וואס מ'באווארנט, אז מ'געפינט ארויס א פסק דין אין תורה אז די אלע "עוזרי" בגלוי, איז דאס אמיתית המציאות מערניט ווי "הוי'", וואס דארטן איז ניט שייכות קיין אחיזה פון לעו"ז, זיי דארפן ניט אנקומען צו קיין נס, אז מלכתחילה איז ניטא קיין חשש אז מ'זאל זיי אנרירן בנפש, אפילו ניט בגופס, און אפילו ניט בממונם, און דאס איז אויך באווארנט אין מאמר - באמצע - , ווייבאלד אז דאס איז בנים ותלמידים במילא באוקמען זיי דעם גאנצן שכר וואס געהערט צו די "בעוזרי".

און עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם צווייטן האלבן פסוק, ווי ער איז עם מבאר אין דעם מאמר, וכפי שיתבאר-להלן.

המורם מהאמור איז, אז בשעת מ'פארבינדט זיך מיט איינעם וואס ער איז זיך מוסר נפש אויף הפצת התורה והיהדות, אז זיין מציאות ווערט דער ענין פון תורה, און תורה ... בעה"ב אין וועלט, איז דעמאלט אז די וועלט איז מקבל דעם פסק דין התורה, איז די אלע וואס "המחובר עם טהור - טהור", וכ"ש "המוחבר לקבוש", העלפט דאס זיי אז ניט נאר מ'זאל ניט אנריהן זיי אין א ענין של היזק ח"ו בנפשם, בגופם, אדער אפילו בממונם, נאר דאדבא, דאס איז זיי ממשיך תוספות ברכה והצלחה בכל עניניהם, סיי אין נפש, אפילו אין גוף, און אפילו בממונם, אין א אופן טבעי, און אויב מ'דארף, און אוים ס'קען נאר עפעס צוקומען דורך דעם - אויך אין א אופן ניסי למעלה מדרך הטבע, - ביז ס'ווערט דערנאך נמשך אין טבע, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה".

ב. דער צווייטער האלבער פסוק פון דעם ערשטען מאמר וואס דער בעל הגאולה האט געזאגט י"ב תמוז דעם עשטען מאל נאך דעם יום הגאולה אין תרפ"ז, וואס דער מאמר הויבט זיך אן מיט'ן פסוק "הוי' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי", איז ווי ער פרעגט אין מאמר איז דא ניט פארשטאנדיק, ווי אזוי קומט עס צו דוד המלך וואס ער אליין זאגט דאך אז צוליב וואס דארף מען בעטן אז "יתמו חטאים מן הארץ" ולא חוטאים, אז אויף די חוטאים, ד.ה. אויף די מענטשן דארף מען בעטן אז זיי זאלן תשובה טאן, במילא וועט זיין "יתמו חטאים", און די חוטאים וועלן בלייבן, ואדרבא זיי וועלן - ווערן בעלי-

הנחת הת' בלתי מוגה

ווערן בעלי תשובה, איז ווי קומט עס אז דא בעט ער "ואני אראה בשונאי", וואס דאס איז דאך כפשוטו א ענין של נקמה, אז ער זאל זעהן דעם:" נקמת ה׳ בשונאי".

און ער באווארענט, אז דאס רעדט זיך אפילו וועגן די מענטשן וואס דוד המלך רופט זיי אן "שונאי", וואס דאס איז דאך ווי דוד זאגט אליין, "משנאיך ה׳ אשנא", אז זיינע שונאים זיינען די וועלכע דער אויבערשטער האט זיי נישט ליב, און פונדעסטוועגן אויף זיי זאגט ער אז די בקשה דארף זיין "יתמו חטאים", אז ס׳זאל ניט זיין מער קיין גרט אויף עבירות, אויף חטאים,-דערפאר וואס די חוטאים וועלן ווערן אויס חוטאים, וואס דער פירוש הפסוט אין "אראה בשונאי" איז דאך פונקט דער היפך דערפון ?

און אויף דערויף פארענטפערט ער אין סוף המאמר, אז אין דערויף איז דא צוויי פירושים: איין פירוש איז, "ואני אראה בשונאי" אז דורך די "שונאי" זאל ווערן בא דוד׳ן "ואני אדאה", ועד"ז אויך בא יעדער אידן, ווארום דוד אין זיין ספר תהילים, ובכלל בתפילותיו וואס ער האט מתפלל געווען אין די קאפיטלאך פון תפילה און האט משבח און מהלל געווען אין די קאפיטלאך וואס עס רעדט זיך וועגן תהילות ותשבחות האט ער דאך דאס געטאן פאר יעדער אידן בהז סוף כל הדורות, וואס דערפאר איז דאך די קאפיטלאך פון תהילים אנגענומען בא אידן, אפילו ביי די וואס זיי זיינען ווייט פון אנדערע ענינים, ווארום דוד האט דאס געזאגט ניט נאר פאר די וואס געפינען זיך בריחוק ממנו בזמן ומקום, נאר אויך פאר די וואס געפינען זיך בריחוק הכי גדול פון דוד׳ן אין איכות, ד.ה. אין ענינים פון תורה ומצות, ביז אין קצה האחרון והכי רחוק, וואס אפילו ביי זיי געפינט מען דאך אויך אז ווי ער זאל ניט שטיין אין אנדערע ענינים פון תורה ומצות, איז בשעת ס׳ווערט עס גוט אויף׳ן הארצן כאפט ער זיך ארויס מיט א פסוק תהילים וואו ס׳רעדט זיך וועגן תהילה ושבח, און טאמער ח"ו פארקערט אין היפך הטוב, כאפט ער זיך ארויס אין א פסוק תהילים, אין וועלכן ס׳רעדט זיך וועגן א ענין של תפילה ותחנונים.

און ווי געזאגט פריער באווארענט ער אויך גלייך אין דעם מאמר דעם צווייטן ענין וואס איז פארבונדען ווען ס׳קומט צו א ענין של גאולה, און דאס איז דער געפיל וואס איז דא בא יעדערן, אויף וועמען עס זיינען אויפגעשטאנען -"רבים קמו עליו", און ער האט זיי פריער מתרה געווען אז זיי שטייען אויף אנטקעגן דעם אמת וצדק ויושר, און זיי זאלן דאס ניט טאן, און דערנאך אז "דידן נצח", אז ער האט מנצח געווען איז דער ערשטער געפיל וואס כאפט זיך בא עם ארויס א ה הא, איך האב דיר דאך מלכתחילה מתרה געווען.

און אויב דאס איז נאך פארבונדען מיט א ענין וואס מ׳האט עס פארשאפט יסורים, ניט נאר יסורי הגוף כפשוטם, נאר נאך מערער, דער ענין פון יסורי הנפש, וואס במשך די טעג פון זיצן אין מאסר האט ער דאך זיך ניט געקענט אפגעבן מיט לימוד התורה וקיום מצוותי׳, וואס דאס איז דאך געווען "הם חיינו ואורך ימינו", און בא עם איז דאס געווען בגלוי, איז דאך דאס א ענין פון "משנאיך ה׳ אשנא", במילא דארף דאך זיין דער ערשטער געפיל "ואני אראה בשונאי" כפשוטו, א ענין פון נקמה, וואס דאס איז דאך נקמת ה׳, ניט נקמתו הפרטית.

און דא באווארענט מען גלייך, ניט די באווארעניש ווי גערעדט פריער אז מ׳זאל ניט אנרירן די וואס זיינען געווען "בעוזרי", נאר מ׳באווארענט אויך די וואס זיינען געווען דער היפך פון "עוזרי", אז בא זיי זאל ניט זיין דער "אראה בשונאי" כפשוטו.

-און מ׳זאגט-

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און מ'זאגט, אז תורה פסק'נט אז ס'קאן ניט זיין אז דער ענין איז כפשוטו, ווארום ס'דארף זיין "יתמו <u>חטאים</u>", <u>ניט</u> לחמו <u>חוטאים</u>.

אין דעם איז אבער געווען צוויי סוגים: ס'איז געווען דער סוג וואס זיי זיינען שייכות צו תשובה, וואס בכלל איז דאס דער ענין פון <u>בני ישראל</u>, וואס "אע"פ שחטא <u>ישראל הוא</u>" איז דאך דאס געזאגט געווארען אפילו אויף עבז'ן, וואס ווי די גמרא רעכנט אויס אין סנהדרין איז געווען "אין למטה הימנו", וואס ער האט דעמאלט עובר געווען באותו ענין, און מ'זאגט נאך דעם <u>שם המעלה</u>, ניט אע"פ שחטא יעקב הוא, נאר אע"פ שחטא <u>ישראל</u> הוא.

ס'איז דאך אבער געווען דער צווייטער סוג וואס האט פארטאפט יסורים וואס אויף זיי איז דאך <u>ניט</u> שייכות דער ענין אז זיי זאלן <u>תשובה</u> טאן, און דאס איז וואס ער פירט אויס אין מאמר צוויי פשטים וואס ס'איז דא אין דעם "ואני אראה בשונאי", איין פשט איז ווי גערדט פריער, אז דורף דערויף וואס ס'איז געווען <u>שונאי</u> וועט צוקומען בא דוד'ן, ועד"ז בא יעדער אידן אין וועלט פאר וועמען דוד האט מתפלל געווען, אז ווען א איד האט אויף זיך א שונא זאל בא עם זיין דער "ה' לי בעוזרי", און דערנאך זאל ער אויס נוצען דעם שונא אויף "ואני אראה", אז ער זאל זעהן השגחה פרטית בראי' מוחשית ממש, און דורך וואס קען דאס צוקומען אין א אופן בולט, אזוי אין ענינים של פרנסה, האט ער א הסברה, אז אזוי ווי ער האט א גוטע קאפ האט ער מצליח געווען אין דעם מסחר, איז ער פארנומען אין ענינים מדע- האט ער נאך א בעסערע הסברה, אז וויבאלד ער האט געהארעוועט אין ענינים של חכמה ומדע, האט ער מצליח געווען אין מדעים, בשעת ער האט אבער א שונא אנקעגן זיך, און "שונאי" "לשון רבים- וואס זיי האבן אזא מין קאפ ווי ער האט, און האבן די מעגליכקייט ווי ער האט, ואדרבא נאך מערער און פונדעסטוועגן ווערט ער ניצול איז דא דערזעט ער "השגח"פ, ווארום ס'איז ניטא קיין ארט אין שכל געבן צו פארשטיין אז ער האט עפעס געטאן "לולי עזר ה'" ובהשגח"פ, אויף עם ארויסנעמען מצרתו.

וואס דאס איז דער טפיטש וואס ער טייטשט אפ, אז וויבאלד אז ס'וועט זיין "ה' לי בעוזרי", אז ער וועט זעהן אז דער אויבערשטער האט עם ארויסגעהאלפען, איז דעמאלט "ואני אראה"xxxxx דערזעט ער די השגח"פ במוחש ווי ער טייטשט אפ אין מאמר, אז ער איז דערצו צוגעקומען דורך "בשונאי", דורך דעם סונאי, און וויבאלד אז דער שונא האט עם צוגעבראכט צו אמעלה אין עבודהת ה', קען ער דערנאך מאנען דערפאר שכר.

(וכידוע הסיפור -ע"ד הצחות- אז דער וואס האט גע'מסור'ט דעם אלטען רבי'ן, און געשיקט אויף אים די כתבי מלשנות, וואס דערפאר האט מען אים ארייגעזעצט מיט די אלע יסורים וואס ער איז דערנאך דורכגעגאנגען, וואס דערנאך איז דאך דערפון ארויסגעקומען דער חג פון י"ט כסלו, דערציילען חסידים: אז ער איז אראפגעפאלען אין א ענין של שיכרות, פלעגט ער ארום גיין וואו מ'פלעגט נאר פארברענגען י"ט כסלו, און פלעגט טענה'ן צו חסידים אז דער גאנצער נס איז צוליב עם, און מ'דארף אים געבן די משקה, ווארום אויב ער וואלט ניט גע'מסר'ט וואלט דאך ניט געווען דער מאסר און ס'וואלט ניט צוגעקומען צו דער גאולה, במילא וואלט דער גאנצער ענין פון י"ט כסלו ניט געווען, איז ער דער הויפט מחותן בזה.)

און דערנאך זאגט ער דעם צווייטן טייטש אויף "ואני אראה בשונאי" אז מ'וועט זעהן אין דעם שונאי דעם אמיתית ענינו, צי ער האט דאס געמיינט צוליב א גוטען ענין צי ער האט דאס געמיינט מערניט מצד רשעות הליין, ואס

-בשעת-

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

בשעת מ'נעמט ארויס דעם ניצוץ קדושה פון דעם לעו"ז, דעמאלט ווערט ער בדרך ממילא בטל דערפאר וואס "ואני אראה", מ'האט ארויסגענומען פון דארטען דעם ניצוץ קדושה זעט מען אז ס'איז געבליבען דער אמיתית הענין, וואס אויב דאס איז רע איז רע דאך ניט קיין מציאות פאר זיך.

וואס דאס איז דער צווייטער טייטש צו דעם סוג וואס האבן ניט געהאט קיין סבובות צו א ענין של תשובה, וואס ביי זיי איז דאך ניט שייכות דער "יתמו חטאים " ולא חוטאים, ווארום זיי מיט"ן חטא ווערן אייך ענין, ס'איז ניט צוויי באזונדערע מציאות'ן, נאר זייך מציאות איז חטא, חסרון, ורע, און דעמאלט איז דער ענין כפשוטו, און דער צווייטער טייטש דער "ואני אראה" אז ס'איז עס צוגעקומען א ענין נעלה אין עבודת דוד, ועד"ז בכאו"א.

וואס דאס איז אויך ווי גערעדט פריער, אז איידער מ'דאנקט אפ דעם אויבערסטן מיט'ן צווייטן מאמר, "ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב", באווארענט מען אויך אז דאס וואס ס'קאן ארויסקו-מען א געפיל <u>א הא</u> ! איך האב דיר <u>לכתחילה</u> מתרה געווען, און <u>איצטער</u> נעמט ער פון עס נקמה, זאל ער דאס גלייך עוקר זיין מחחילתה אז ער זאל דערצו ניט קומען, אז מ'זאל געדיינקען אז "יתמו <u>חטאים</u>" ולא חוטאים, און דעמאלט וועט זיין "ואני אראה", אדרבא, ער דארף עס נאך אפדיינקען, וואס דורך עס איז ער צוגעקומען צו זעהן השגח"פ מתוך שמחה ומתוך גאולה.

וואס עד"ז איז אויך ווי גערעדט כמה פעמים, אז יעדער ענין אין תורה איז דאס א ענין פון א הוראה בחיי האדם, ביז צו אדערן צו וועמען ס'דערגייט דער דבר תורה, ווי ווייט ער זאל ניט זיין פון ענין התומ"צ, ועאכו"כ אויב ער איז נאענט צו תומ"צ, איז דא די צוויי הוראות כלליות; אז אין צד הטוב, זאל ער וויסן אז די ערסטע זאך וועמען ער דארף אפדאנקען אע"פ וואס ס'איז דא "עוזרי" לשון רבים, דארף ער וויסן אז אלץ הייבט אפ אין "הוי' לי" וואס דאס איז ווי דער רמב"ם פסקנ'ט אפ אין הלכות תפלה אין אנהויב, אז בשעת א איד האט א בקשה איז א מצות עשה מן התורה, אז ער זאל מתפלל זיין דוקא צו דעם אויבערסטן, וביחד עם זה דארף ער געדיינקען אז ס'איז דא דער "עוזרי" לשון רבים, ווי ער טשעלט אריין אין מסך מאמר בדוגמת בן ותלמידים, און ווי דער צמח צדק איז מבאר אין דרך מצותיך, אז בנוגע צו כוכבים ומזלות איז דאס כגרזן ביד החוצב, זיי האבן קיין בחירה ניט, במילא טאר מען זיי ניט באדיינקען, ווארום מ'מאכט זיי פאר א באזונדער מציאות כאילו זיי האבן געהאט א ברירה, בהנוגע אבער, ווען ס'גייט דורך א בעל בחירה, דורך א אידן, דעמאלט איז דער דין אז "חמרא למרא וטיבותא לשקיא, אז מ'דארף אפדייהקען אויך דעם וואס האט עס געבראכט די ווייך, כאטש די ווייך געהערט למרא, צו א צווייטן, און אמת טאקע אז ער וואלט סיי ווי סיי באקומען די ווייך ווי ער זאגט אין אגה"ק, ווייבאלד אבער אז ער האט דאס באקומען דורך <u>דעם</u> וואס ער האט געהאט די ברירה, אויף דאס ניט ברינגען, דארף ער אים אפדיינקען פאר דער טירחא.

עד"ז איז אויך דא, אין דעם ענין "בעוזרי", ועאכו"כ ווען ער זעט אז יענער האט זיך אויף דעם מוסר נפש געווען, ווי ס'איז געווען אין סיפור הגאולה.

און אזוי אויך אין דעם צווייטן פשט פון "ואני אראה בשונאי", אויף די וואס ער זעט אז זיי זיינען זיינע מנגדים, טאר דאס ניט ארויס-רופן ביי עם א רגש של נקמה, ניט נאר אויב זיי זיינען מנגדים מערניט

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

-ווי בממון-

ווי במצון אליין, נאר אפילו אויב זיי זיינען מנגדים בגוף ונפש, וואָרום ער דארף געדיינקען- ווי ער זאגט אין אגה"ק- אז יעדער עניין נעמט זיך פון "הוי' לי" ווי ער זאגט אין התחלת הפסוק, נאר ער דארף דאָרטן זוכן דעם "ואני אראה" אין דעם שונאי, דארף ער זיך ארײַנקוקן און ארויסקריגן וואס איז די הוראה מלמעלה וואס דערפאר איז אויף עם אנגעקומען די אנשיקעניש.

און בשעת ער וועט זיך צוקוקן כלשון הגמרא יפשפש במעשיו, וועט ער זען ווי קומט עס אז עס קומט אויף אים אזא עניין, און דעמאלט וועט דאס עם ברייינגען צו נאך א העכערן אופן, וואס דאס איז דער כללות עניין פון בעל תשובה "אסורה מכאן", אויף אוועקגיין פון דער דרגא וואו ער איז געווען ביז איצטער, (כאטש דאס איז אויך געווען א דרגא דקדושה) און אוועקשטעלן זיך נאך העכער, וואס דעמאלט האט דאך קיין ארט ניט אויף א רגש של נקמה משונאי, וויבאלד אז זיי זיינען מערניט ווי א שליח, "ה' אמר לו", -כמבואר בארוכה אין אגה"ק.

וואס דאס איז די שתי הוראות בכלל בנוגע צו חיי אדם, און אויך בהנוגע צו אויספירן דעם הנ"ל און די הוראות פון דעם בעל ההילולא אף טאן מתוך מסירות נפש אין הפצת התורה ומצוותי' והיהודות בכלל, און טאן דאס מתוך שמחה וטוב לבב, און דוקא מתוך אהבת ישראל.

און דא האט ער דאך א טענה אין די שתי הקצוות, ערשטנס, וואס עפעס איז ער מחויב, ס'איז דאך דא נאך אידן, זאלן דאס יענע טאן. א צווייטע זאך, בשעת ער איז זיך סוין מוסר נפש, און לייגט זיך אפ אן א זייט און וויל דאס טאן, דעמאלסט קומען אונטער די וואס שטערן עם אויף דערויף, און ער וויל זיך אין זיי נוקם זיין, היפך דעם עניין פון אהבת ישראל.

דא זאגט דער בעל ההילולא אליין, אז בשעת ס'איז געווען זיין מס"נ על התורה ומצוותי' האט ער געוואוסט אז אויף עם ליגט די גאנצע ארבעט, און "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם", דארפסט זיך ניט פארלאזן אויף א צווייטן, אז דער צווייטער וועט טאן, דו קאנסט לערנען תורה מיט א צווייטן, דו קאנסט פועל'ן אז א צווייטער איז זאל מקיים זיין א מצוה, האסטו זיך ניט וואס צו פארלאזן אויף א צווייטן, "בשבילך נברא העולם", און וויבאלד אז דו ווייסט פון דעם אידן ליגט אויף דיר דער חוב אז דו זאלסט עם מאכן פאר א לומד תורה ומקיים מצותי', און אט די וואס שטערן עם דארף ער וויסן אז דאס איז מערניט בכדי ער זאל צוקומען צו "ואני אראה", ד.ה. בא עם ארויסרופען א טיפערע כח און א טיפערע מס"נ און א טיפערן איינדרוק אין זעהן השגח"פ על כל צד וצד, און די מניעות ועיכובים איז דאס דערפאר וואס "תיסרך רעתך", מן הסתם פעלט עם נאך עפעס אין עבודת השם, אין ידיעה פון השגחת השם, אדער אין ענייני יהדות בכלל, הואס דערפאר שטעלט מען אים פאר א נסיון, כדי ער זאל בא זיך פועל'ן א טיפערן אוועקגעבן זיך, און א טיפערן טאן.

און דעמאלט איז ער זוכה, אז ס'ווערט דער "גומל לחייבים טובות שגמלני טוב", אז נאך איידער ער גייט ארויס פון דער דרגא פון <u>חייב</u>, ווערט סוין "שגמלני טוב", ווי ער איז מסיים אין דעם צווייטן מאמר, אז דער אויבערשטער שיינקט עם כח ועוז ביתר שאת וביתר עוז, אז ער זאל קענען לומד תורה זיין, און דער לימוד זאל זיין אין א אופן פון "ללמוד וללמד" מיט א צווייטן, "לשמור לעשות ולקיים", און דאס מיינט "<u>שגמלני</u>" פון דעם אויבערשטן אליין, וואס במילא ווערן בטל אלע מניעות ועיכובים, און ס'ווערט הפצת התורה ומצוותי' והפצת היהדות בכלל, והמעינות בפרט,

-ביז דאס-

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

ביז דאס קומט אן אין חוצה, "וישראל עושה חיל".

ג. דער ענין המאסר והגאולה, איז דאך געווען כפשוטו אז דאס וואס מ'האט עם פארהאפטעט און ארעסטירט איז דאס נים געווען צוליב א עסק פרטי, פאר א ענין אין וועלכן ער האט זיך עוסק געווען ווי א איש פרטי, אין לערנען תורה פאר זיך, אדער מיט די אייגענע בני בית מיט די משפחה פרטית, אדער מפיץ זיין קיום המצות והיהדות אין די אייגענע ד' אמות, נאר דאס איז געווען דערפאר וואס ער האט דאס געטאן אלץ א נשיא בישראל, אלץ א נשמה כללית ברוחניות, וואס דערפאר קומט דאס אראפ למטה אין א אופן אז ער ווערט א נשיא בישראל.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז בשעת ס'איז געווען דערנאך די גאולה איז דאס נים געווען די גאולה נאר פון דעם איש פרטי, נאר דער עיקר איז געווען זיין גאולה אלץ א נשיא בישראל, און דערפון איז אויך פארשטאנדיק אז די ערשטע הוראות וואס קומען ארויס פון עם אין התחלת הגאולה איז ווי געזאגט פריער, אז בא א נשיא פון חב"ד קומט דאס ארויס צום ערשטן אין א מאמר חסידות, אין תורת החסידות, און דאס איז נים נאר א הוראה פאר א איש פרטי, א ענין פרטי, נאר דארבא דאס איז א הוראה אין א ענין כללי ביז אין א ענין וואס איז פארבונדען מיט זיין א נשיא ומנהיג פון כלל ישראל.

וואס די ערשטע התחלה פון א נשיא איז, אז ער איז א נשיא, נים נאר אויף מובחרים אליין, נים נאר אויף יחידי סגולה, אפילו נים נאר אויף די וואס זיינען מערער פון יחידי סגולה, זיי האבן אבער אין זיך גרויסע מעלות, אדער מעלות בדרך הבינוני, זיי האבן אבער אין זיך נים קיין חסרונות אויך מער נים ווי אין בינוני, ד.ה. אז אויב ער קלייבט זיך אויס אז "שמועה זו נאה", און "שמועה זו אינה נאה" איז דעמאלט זאגט די גמרא "לאבד הנה", בשעת מ'לערנט תורה און מ'זאגט אז דער חלק תורה איז נאה, דאס איז שיין אין מיינע אויגן, און "שמועה זו אינה נאה", ער ווייס אז דאס איז שמועה, ער איז מודה אפילו אז דאס איז א ענין פון "ניתנה למשה מסיני", און ער איז מודה אז דאס איז אמת, נאר ער מאכט א חילוק און זאגט "אינו נאה", אז אין שיינקייט פעלט דאס, איז דעמאלט ("לאבד הנה") קען נים זיין אז ער זאל בלייבן בא תורה, ווארו תורה מעסט זיך נים מיט שכל האדם, אז ער זאל זאגן אז ביידע זאכן זיינען אמת נאר דער ענין פון כיבוד אב ואם געפעלט אים, ס'איז טאקע נים נאר אמת נאר אויך א שיינער מנהג, א שיינער הידור, דער ענין אבער וואס איז פארבונדען מיט חוקת התורה, וואס ס'האט אויף זיך נים קיין טעם ושכל, פארשטייט ער אז ער דארף דאס מקיים זיין, ווארום דאס איז "שמועה", ער זאגט אבער "אינו נאה", קיין שיינקייט האט דאס נים בא אים, ער זעט אין דערויף נים קיין פארשטאנד, קיין שיינקייט און קיין הסברה, ס'איז מערנים "גזירה גזרתי וחקה חקקתי" ער מוז דאס מקיים זיין בעל כרחו, איז דעמאלט וועט ער זיך אויך נים האלטן אפי' ביי דעם כיבוד אב ואם, און די מצוות וועלכע זיינען בעיניו נאות, ווארום "לאבד הנה".

ווי גערעדט זוין מערערע מאל, אז מ'האט דאס געזען אז דוקא די פאלק וואס האט געפוירט זיין גאנצע פארטיי, זיין גאנצע קולטור אויף שכל והבנה, און אריינגעשטעלט אין דערויף אויך חכמת המוסר, "עסיק", ווילבאלד אבער אז זיי האבן דאס באגרינדעט אויף שכל האדם, איז דערנאך דערפון ארויסגעקומען אז דער מוסד האט געבראכט צו רציחה וגניבה וכל דבר וואס ס'איז היפך פון "שמועה זו נאה", נים נאר

<u>הנחת הת' בלחי מוגה</u> - פון אמונת ה'-